יִשְׂרָאֵל לְמַעַן אֱמָנִים 2004 ©

15 ווארים איך ווייס נישט וואס איך טו; ווייל איך טו נישט דאס, וואס איך וויל, נאר איך טו דאס וואס איך האב פיינט.

16 אויבּ אבּער איך טו דאס וואס איך וויל נישט טאן, בין איך מסכּים אז די תורה איז גוט.

17 יעצט בין איך עס מער נישט וואס טוט דאס, נאר זינד וואס

וואוינט אין מיר.

18 ווארום איך ווייס אז אין מיר, דאס הייסט, אין מיין אלטע נאטור, איז נישט פאראן קיין שום גוטס, ווייל בּיי מיר איז פאראן דער רצון, אבער צו טאן וואס איז גוט, איז ניטאָ.

19 ווייל דאס גוטע וואס איך וויל טאן,טו איך נישט, נאר דאס שלעכטע וואס איך וויל נישט טאן,טו איך יא.

20 אויב איך טו וואס איך באמת וויל נישט, עס איז נישט איך וואס טוט עס נאר עס איז  די זינד וואס וואוינט אין מיר.

21 אזוי ארום געפין איך דאס חוק,
ווען איך וויל טון גוטס ,איז רשעות
ביי מיר אינעווייניג

22 ווייל לויט מיין אינעווייניקסטן
מענטשן ,איך פריי מיך אין דער תורה
פון ה';

23 אבער איך זיי אן אנדערע חוק אין
מיינע אֵברים וואס מלחמה האלטן
מיט דער חוק פון מיין פארשטאנד
און ברענקט מיר ווי פארשקלאפט
צום חוק פון זינד וואס איז אין מיינע
אֵברים.

24 אוי וואס א נעבעך איך בין! ווער
וועט מיך אויסלייזן פון דעם גוף פון

דעם דאזיקן טויט?

25 איך דאנק ה' דורך יהושע מלך המשיח אדונֵנוּ. דעריבּער מיין פארשטאנד איז א קנעכט פון ה'ס תורה און מיין אלטע נאטור א קנעכט פונם געזעץ פון זינד.

פרק 8

1 דעריבער עס איז נישט פאראן קיין שום פאראורטלען [פארמשפּטוּנג] פאר די וואס זענען אין רבי המלך המשיח יהושע.

2 ווייל די תורה פון רוח הקודש וואס מאכט לעבעדיק אין יהושע המלך

# המשיח  האט מיך באַפרייט פון דעם געזעץ פון זינד און טויט.